ב"ה

# טעראפּי

- ענקזייעטי
- דיפּרעסיע
- פאביעס
- עדיקשאנס
- או.סי.די.
- פאניק אטאקעס
- סעלף קאנפידענס
- א.ד.ג.

גליון 16

געקליבענע בריוון פון ספר עצתו אמונה - ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב - בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## פארוואס ווער איך צעבראכן ביים הערן פון א צווייטן א מעשה פון תפלה?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*ווען איך הער איינעם דערציילן א מעשה פון תפלה, ווי אזוי יענער איז געהאלפן געווארן מיט א געוויסע זאך נאכ'ן בעטן דעם אייבערשטן אויף דעם, און די געוויסע זאך איז גראדע עפעס אויף וואס איך בעט שוין אויך א לאנגע צייט און איך בין נאך דערווייל נישט געהאלפן געווארן, ווער איך פון דעם זייער צעבראכן.*

*יענער מאכט מיר שפירן אז נאר זיי קענען פועל'ן, נאר זיי זענען גענוג חשוב ביים אייבערשטן ער זאל ענטפערן זייערע תפלות, און איך נישט.*

*איך פארגין יענעם אינגאנצן, איך בין נישט מקנא, איך פיל נאר דעמאלטס ווי יענער מאכט זיך מער חשוב, זיי קענען פועל'ן, איך עפעס ווייס נישט ווי אזוי מען בעט אויפ'ן ריכטיגן וועג. איז עס נארמאל צו פילן צוקלאפט פון דעם?*

*יישר כח*

### תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת במדבר, כ"ט אייר, מ"ד לעומר, שנת תשפ"ב לפרט קטן

לכבוד... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וויסן זאלסטו, תפילה העלפט; קיין איין תפילה ווערט נישט פארלוירן, יעדע ווארט וואס מען בעט דעם אייבערשטן - גייט ארויף צום אייבערשטן און מען ווערט געהאלפן, און אז מען זעט נישט גלייך די ישועה - דאס איז נישט אונזער געשעפט, מיר דארפן ווייטער בעטן.

אז דו זעסט נישט ווי דער אייבערשטער ענטפערט דיר - זאלסטו זיך נישט מייאש זיין פון תפילה, זאלסט ווייטער בעטן. אזוי ווי חכמינו הקדושים זאגן (ברכות לב:): "אִם רָאָה אָדָם שֶׁהִתְפַּלֵּל וְלֹא נֶעֱנֶה, יַחְזוֹר וְיִתְפַּלֵּל", אויב א מענטש זעט אז ער בעט דעם אייבערשטן אויף א זאך און ער האט עס נישט באקומען - זאל ער נאכאמאל בעטן, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים כז, יד): "קַוֵּה אֶל ה', חֲזַק וְיַאֲמֵץ לִבֶּךָ, וְקַוֵּה אֶל ה'".

מען טאר זיך נישט מייאש זיין פון בעטן דעם אייבערשטן; אז מען האט שוין געבעטן - דארף מען ווייטער בעטן. עס נעמט אמאל צייט, אבער ביים סוף - ווערט יעדע תפילה אנגענומען ביים אייבערשטן. אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (דברים רבה ואתחנן ב, יז) אויפ'ן פסוק (דברים ד, ז): "כִּי מִי גוֹי גָּדוֹל אֲשֶׁר לוֹ אֱלֹקִים קְרֹבִים אֵלָיו כַּה' אֱלֹקֵינוּ בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו", וואס איז פשט פון בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו? זאגן די הייליגע חכמים: "יֵשׁ תְּפִלָּה שֶׁנַּעֲנֵית לְאַרְבָּעִים יוֹם", אמאל דארף מען ווארטן די תפילה זאל אנגענומען ווערן פערציג טעג, אזוי ווי מיר זעען ביי משה רבינו (דברים ט, יח): "וָאֶתְנַפַּל לִפְנֵי ה' כָּרִאשֹׁנָה אַרְבָּעִים יוֹם וגו'", משה רבינו האט געבעטן דעם אייבערשטן פערציג טעג. "וְיֵשׁ תְּפִלָּה שֶׁנַּעֲנֵית לְעֶשְׂרִים יוֹם", אמאל דארף מען ווארטן די תפילה זאל אנגענומען ווערן צוואנציג טעג, אזוי ווי מיר זעען ביי דניאל (דניאל י, ג): "לֶחֶם חֲמֻדוֹת לֹא אָכַלְתִּי וגו' עַד מְלֹאת שְׁלֹשֶׁת שָׁבֻעִים יָמִים", ער האט געפאסט דריי וואכן, נאכדעם האט ער געבעטן (שם ט, יט): "ה' שְׁמָעָה ה' סְלָחָה וגו'". "וְיֵשׁ תְּפִלָּה שֶׁנַּעֲנֵית לִשְׁלֹשָׁה יָמִים", אמאל דארף מען ווארטן די תפילה זאל אנגענומען ווערן דריי טעג, אזוי ווי מיר זעען ביי יונה הנביא (יונה ב, א): "וַיְהִי יוֹנָה בִּמְעֵי הַדָּג וגו'", און נאכדעם שטייט (יונה ב, ב): "וַיִּתְפַּלֵּל יוֹנָה אֶל ה' אֱלֹקָיו מִמְּעֵי הַדָּגָה", יונה האט געבעטן דעם אייבערשטן אין די בויך פון די פיש. "וְיֵשׁ תְּפִלָּה שֶׁנַּעֲנֵית לְיוֹם אֶחָד", אמאל ווערט די תפילה אנגענומען נאך איין טאג, אזוי ווי מיר זעען ביי אליהו הנביא (מלכים א יח, לו): "וַיִּגַּשׁ אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא וַיֹּאמַר" וגו'. "וְיֵשׁ תְּפִלָּה שֶׁנַּעֲנֵית לְעוֹנָה", אמאל ווערט מען גלייך געהאלפן, אזוי ווי מיר זעען ביי דוד המלך (תהלים סט, יד): "וַאֲנִי תְפִלָּתִי לְךָ ה' עֵת רָצוֹן", און אמאל דארף מען גארנישט ווארטן, מען ווערט געהאלפן נאך איידער מען דאווענט, דער אייבערשטער זאגט (ישעיה סה, כד): "וְהָיָה טֶרֶם יִקְרָאוּ וַאֲנִי אֶעֱנֶה".

זיי ממשיך מיט בעטן דעם אייבערשטן, זיי זיך נישט מבלבל פון אנדערע.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## מיין ווייב ליידט שרעקליכע יסורים, ווי אזוי קענען מיר זיך דערהאלטן?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*שוין א יאר צייט וואס מיין ווייב ליידט אויף ארטרייטיס [דלקת מפרקים], זי איז ממש געפייניגט מיט שטארקע יסורים. איך הער די שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א און דאס געבט מיר כח צו זיין סיי א טאטע און סיי א מאמע פאר מיינע קליינע קינדער קע"ה, אבער מיר שפירן אז עס גייט שוין אריבער אלע גרענעצן.*

*איך מיט מיין ווייב האלטן אין איין שרייען און וויינען צום אייבערשטן, אבער איך שפיר ווי מיר טאפן א וואנט, איך זע נישט דעם וועג ארויס, איך שפיר ווי איך פאל שוין אריין אין יאוש, איך דארף חיזוק צו קענען ווייטער זיך דערהאלטן.*

*יישר כח פאר די געוואלדיגע שיעורים, און דעם וואלט איך זיכער נישט געקענט אנגיין ביז יעצט.*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת עקב, י"ד מנחם-אב, שנת תש"פ
לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך בעט דיר זייער זאלסט זיך נישט מייאש זיין, מיט תפילה קען מען אלעס פועל'ן. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות לב:): "אִם רוֹאֶה אָדָם שֶׁהִתְפַּלֵּל וְלֹא נַעֲנָה, יַחְזוֹר וְיִתְפַּלֵּל", ווען מען בעט דעם אייבערשטן אויף א זאך און מען זעט אז מען ווערט נישט געהאלפן - זאל מען נאכאמאל בעטן, אזוי ווי עס שטייט (תהלים כז, יד): "קַוֵּה אֶל ה', חֲזַק וְיַאֲמֵץ לִבֶּךָ וְקַוֵּה אֶל ה'"; מען טאר נישט אויפגעבן ווען מען בעט דעם אייבערשטן און מען זעט נאך נישט די ישועה, מען דארף ווארטן און ווייטער בעטן ביז מען ווערט געהאלפן.

ווען מען בעט דעם אייבערשטן דארף מען האבן זייער אסאך סבלנות ווען מען זעט אז עס גייט אריבער א לאנגע צייט און מען זעט נאך נישט די ישועה. מען דארף האבן אסאך סבלנות נישט אויפצוהערן בעטן; ווייל יעדע זאך וואס מען וויל פועל'ן האט א סכום וויפיל תפילה עס פאדערט זיך אויף דעם.

מיר געפונען ביי משה רבינו, ער האט געבעטן דעם אייבערשטן אז ער וויל אריינגיין אין ארץ ישראל; זאגן חכמינו זכרונם לברכה (דברים רבה יא, י): "משה רבינו האט געבעטן פינף הונדערט און פופצן תפילות, אזויפיל וויפיל דאסווארט 'ואתחנן' באטרעפט, ווען משה רבינו וואלט געבעטן נאך איין תפילה וואלט ער זוכה געווען אריין צו גיין קיין ארץ ישראל, אבער דער אייבערשטער האט אים געזאגט (דברים ג, כו): 'רַב לָךְ, אַל תּוֹסֶף דַּבֵּר אֵלַי עוֹד בַּדָּבָר הַזֶּה', בעט נישט מער אויף דעם"; זעט מען פון דעם אז מען טאר נישט אפלאזן תפילה, מען דארף בעטן איין מאל און נאכאמאל און נאכאמאל אן אן אויפהער, ביז דער אייבערשטער העלפט.

**אויב אלעס וואס דער אויבערשטער טוט איז גוט, פארוואס זאל מען בעטן די אויבערשטער?**

נעמט אריין אין אייך די אמונה, חזר פאר זיך און חזר מיט דיין ווייב: "וואס דער אייבערשטער טוט איז גוט, אלעס איז נאר פאר די טובה פונעם מענטש. און ווען מען פארשטייט נישט דאס גוטס, מען זעט נישט דאס גוטס, מען זעט נאר דאס שלעכטס - איז דאס נאר אזוי פאר אונזערע אויגן, אבער באמת איז דאס גוט"; איי וועסטו פרעגן, אויב איז דאס גוט פארוואס זאל מען בעטן דעם אייבערשטן ער זאל מאכן אנדערש? ווי אזוי קען מען בעטן ער זאל טוישן וואס ער טוט - ווען אלעס איז גוט?! ווייל דער אייבערשטער הייסט אונז מיר זאלן אים בעטן, מיר זאלן אים מוטשען ער זאל מאכן אזא סארט גוט וואס מיר זעען דאס גוטס מיט אונזערע אויגן, אבער אין די זעלבע צייט וואס מיר ווײנען און בעטן ער זאל מאכן גוט, גלייבן מיר אז עס איז גוט; ווייל אלעס אלעס וואס גייט אריבער אויף אונז איז נאר לטובה.

**דאקטורים זאגן אויך אז שמחה איז א רפואה**

שטארק דיין ווייב, בלאז אריין אין איר אמונה; דאס וועט איר פרייליך מאכן און ווען זי וועט זיין פרייליך וועלן די שלעכטע קרענק אוועק גיין פון איר, ווייל שמחה איז די רפואה פאר אלע מחלות. דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן כד): "כָּל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם - כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", אלע מחלות און אלע קרענק קומען ווייל מען איז דעפרעסט און נישט פרייליך, "גַּם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים אָמְרוּ, שֶׁכָּל הַמַּחֲלוֹת וְהַחֳלָאִים רָעִים בָּאִים רַק מֵחֲמַת חִסָּרוֹן הַשִּׂמְחָה", אפילו די דאקטורים זאגן אז אלע מחלות קומען פון דעפרעסיע און פון זיין נישט פרייליך.

דו מאך איר פרייליך, עס איז א מצוה פרייליך צו מאכן די ווייב. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (קידושין לד:): "אִשָּׁה - בַּעֲלָהּ מְשַׂמְּחָהּ", דער מאן האט א מצוה פרייליך צו מאכן זיין ווייב.

דער אייבערשטער זאל העלפן זי זאל האבן א שנעלע רפואה, זי זאל זיך אינגאנצן אויסהיילן.

**מעג מען מאכן א גורל צו וויסן וואס צו טון?**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת ויקרא, כ"ז אדר, שנת תש"פ
לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

עס איז א קלארע הלכה אז מען טאר נישט מאכן א גורל. דער הייליגער מחבר זאגט (יורה דעה סימן קעט, סעיף א): "אֵין שׁוֹאֲלִים בְּחוֹזִים בַּכּוֹכָבִים וְלֹא בְּגוֹרָלוֹת", מען טאר נישט מאכן קיין גורל צו וויסן ווי אזוי זיך צו פירן, אזוי ווי עס שטייט אין די הייליגע תורה (דברים יח, יג): "תָּמִים תִּהְיֶה עִם ה' אֱלֹקֶיךָ", מען דארף זיך פירן בתמימות מיט'ן אייבערשטן.

תהלים זאלסטו ווייטער זאגן; יעדעס מאל דו האסט א ספק וואס צו טון זאלסטו נעמען דעם תהילים און זאגן אפאר קאפיטלעך תהילים און בעטן דעם אייבערשטן אויף דיין שפראך, אויף דיין מאמע לשון: "רבונו של עולם, העלף מיר איך זאל וויסן וואס צו טון, יא אדער ניין, אהער אדער אהין, שווארץ אדער ווייס"; וועסטו וויסן ווי אזוי זיך צו פירן.

דאס איז די עצה וואס דער רבי געבט אונז, מיר זאלן בעטן דעם אייבערשטן איין מאל און נאכאמאל און א דריטע מאל: **"רבונו של עולם, געב מיר א גוטע עצה איך זאל וויסן ווי אזוי זיך צו פירן"**. רבי נתן דערציילט (שיחות הר"ן, סימן רלח) דער רבי האט אמאל געהערט ווי איינער דאווענט מעריב און ער כאפט אפ די ווערטער: "וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ", האט דער רבי געזאגט: "די ווערטער פון 'וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ' דארף מען דאך זאגן מיט גרויס כוונה, דאס איז זייער א חשוב'ע תפילה"; ווייל דער עיקר פראבלעם איז אז מען ווייסט נישט וואס צו טון, מען האט אויף יעדע זאך ספיקות צי מען זאל טון אזוי צי אזוי, דארף מען אסאך בעטן דעם אייבערשטן: "וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ, רבונו של עולם געב מיר א גוטע עצה איך זאל וויסן ווי אזוי זיך צו פירן". אזוי זאלסטו טון; אז דו קענסט זיך נישט קיין עצה געבן זאלסטו שרייען צום אייבערשטן: **"רבונו של עולם טאטע זיסער, געב מיר א גוטע עצה, איך זאל וויסן ווי אזוי זיך צו פירן"**.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

**ווי אזוי מאכט מען אז דער יום טוב חנוכה זאל זיין פרייליך?**

**וואס טוט מען ווען א קינד קריכט נישט געהעריג?**

קוקטס ארויס אויף די קומענדיגן גליון בעז"ה!